# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

## פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

## פרשת קרח תשפ"ב

### די מדריגה פון קרח

**"ויקח קרח בן יצהר כו'" (ט"ז א')**

**די** פרשה פון קרח דארף א גרויסע ביאור, ווייל פון איין זייט זעהען מיר אז ער איז געווען א בעל רוח הקודש, אזוי ווי רש"י זאגט (פסוק ז') "קרח שפיקח היה מה ראה לשטות זה, עינו הועלו, ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו, שמואל ששקול כנגד משה ואהרן", און אויך זאגן חז"ל (דב"ר י"ח ז') "אשר יחדיו נמתיק סוד, זה אהרן וקרח ששניהם שוין", זעהען מיר אז ער איז געווען אין די זעלבע מדריגה ווי אהרן הכהן.

**אבער** פון צווייטן זייט זאגן חז"ל (ירושלמי סנהדרין פרק חלק ה"א) אז קרח איז געווען אן אפיקורס, ער האט גענומען א טלית שכולה תכלת, און געטראגן צו משה און אים געפרעגט צו ס'איז חייב מיט ציצית, האט ער אים געזאגט אז ס'איז חייב, האט ער געזאגט אויב א געהעריגע טלית איז גענוג איין פאדים פון תכלת עס צו כשר'ן, איז זיכער אז א טלית שכולה תכלת איז כשר, און אזוי האט ער אים ווייטער געפרעגט נאך אזעלכע קשיות, ביז קרח האט זיך אנגערופן "אין תורה מן השמים, ולא משה נביא ולא אהרן כהן גדול".

**דארף** מען פארשטיין ווי אזוי קענען שטימען די צוויי זאכן צוזאמען, אז ער איז געווען א צדיק און אויך א אפיקורס.

**נאר** די אמת איז אז ס'איז נישט געוועןביידע זאכן אויף איינמאל, נאר צום ערשט איז קרח געווען א בעל רוח הקודש און די זעלבע דרגה פון אהרן, אבער נאך וואס ער איז ארויסגעגאנגען מיט א מלחמה אנטקעגן משה רבינו האט ער זיך דערקייקלט אזוי ווייט אז ער איז געווארן אן אפיקורס און פארלוירן זיינע אלע מעלות.

**איך** האב געהערט אויף א איד וואס האט געווארט ביים טיר פון מרן הגרי"ז זצ"ל אריינצוגיין צו אים, און דערצווישן האט ער געשמועסט מיט זיין חבר, און ער האט ארויסגעהויבן די מעלות פון קרח וואספארא צדיק און קדוש ער איז געווען, פלוצלינג האט מרן הגרי"ז זצ"ל געעפנט די טיר און זיי געזאגט 'קרח איז נישט געווען קיין גרויסער מענטש, נאר א אפיקורס און ער האט געלייקנט אין די נבואה פון משה רבינו, און אין די תורה מן השמים'.

**אבער** דער אריה"ק זאגט שוין (לק"ת תהילים צ"ב) אז "צדיק כתמר יפרח" איז סופי תיבות 'קרח', וויבאלד לעתיד לבוא וועט ער האבן א תיקון.

### די ריכטיגע דרך הקנאות

**נאר** מ'דארף צו פארשטיין ווי אזוי קען טאקע זיין אז קרח איז אנגעקומען צו אזא נידריגע מצב און כופר געווען אין אלעס, ער איז דאך אין אנפאנג געווען פון די גדולי הדור, איז וואס האט אים צוגעברענגט זיך צו דערקייקלען אזוי ווייט.

**די** הסבר אין דעם קען זיין, אז ס'איז דא צוויי סארטן קנאים, ס'זענען פארהאן קנאים וואס האבן נישט קיין שום הנאה פון די עצם מלחמה וואס זיי פירן מיט די פושעים, נאר זיי טוהען אלעס אמת'דיג לשם שמים זיך אנצונעמען פאר'ן באשעפער'ס כבוד אפילו ס'איז זיי שווער צו טשעפענען א צווייטן, אבער פון די אנדערע זייט איז דא קנאים וואס כאטש זיי האבן אינזין כבוד שמים, ברענט אבער אין זיי שלעכטע מידות, און זיי האבן זייער הנאה צו טשעפענען א צווייטן, און פארדעם זוכן זיי מערכות פון אונטערן טיש און זיי נעמען עס ארום מיט א איצטלא דקדושה, כדי צו קענען ווייי טוהן און מלחמה האלטן מיט אנדערע אידן.

**אצינד** ווי אזוי קען א מענטש וויסן צו ער איז א אמת'דיגער לוחם מלחמות ה', אדער זיינע פעולות קומען פון זיינע מושחת'דיגע מידות, ער דארף זיך אליינ'ס בודק זיין אויף וועלכע וועג ווערט געפירט די מערכה, אויב פאר יעדע פעולה קוקט ער נאך צו מ'מעג עס טוהן, און צו ס'איז דא א חיוב ע"פ תורה עס צו טוהן, און דורכדעם האלט ער זיך אפ פון טוהן אומווערדיגע מעשים וואס האט שרעקליכע קאנסעקווענצן, איז א ראי' אז זיינע פעולות קומען פון אמת'דיגע קנאות לשם שמים, אבער אויב כדי צו דערגרייכן זיין מטרה קען ער זיך מורה היתר זיין צו אויספירן מושחת'דיגע מעשים, דעמאלט'ס איז ער נישט קיין קנאי נאר א מושחת, אזוי ווי דער 'אגרא דכלה' שרייבט דא אין די פרשה אז א מענטש דארף זיך אליינ'ס בודק זיין צו ער האט די זעלבע קאך און התלהבות ביי אנדערע מצוות ווי ציצית און תפילין, ווייל טאמער נישט קומט עס נישט פון א הייליג פלאץ.

**קרח** איז געווען פון די צווייטע סארט קנאים, וואס פון איין זייט האט ער טאקע אינזינען געהאט כבוד שמים, אבער ער האט אויך געהאט די שלעכטע מידה פון תאוות הכבוד וואס האט געברענט אין אים, אבער ער אליינ'ס איז געווען זיכער ביי זיך אז ער טוהט עס נאר לשם שמים, און ער האט נישט אויפגעכאפט די אנדערע אייגענע אינטערעסן וואס ברענגט אים עס צו טוהן, און פארדעם זעהען מיר אז ער האט זיך אויפגעפירט ווי א מושחת און געטריבן ליצנות פון משה און אהרן, אזוי ווי ס'שטייט אין מדרש (תהילים א') אז קרח האט צונויפגעזאמלט אלע אידן און פארגעשטעלט פאר זיי אז אהרן הכהן בא'גזל'עט אלע געלטער פון די ארימעלייט און פון אלמנות און יתומים מיט'ן נעמען די מתנות כהונה, ווייל דאס איז די וועג פון די אזוי גערופענע 'קנאים' וואס טשעפענען אנדערע און זענען זיך מתיר פארשידענע פעולות אן קיין שום דין וחשבון, און כאטשיג זיי האבן אין זיך א כוונה לשם שמים דאך קומט זייערע אלע מעשים פון די מידות רעות וואס ברענט אין זיי.

### מחלוקת צושפרייט זיך זייער שנעל

**"ויקח קרח בן יצהר כו'" (ט"ז א').**

**"מה ראה קרח לחלוק עם משה, נתקנא על נשיאותו של אליצפן בן עוזיאל".**

**(רש"י)**

**רש"י** ברענגט ארויס אז די גאנצע מחלוקת פון קרח איז געווען וויבאלד קרח האט מקנא געווען אליצפן בן עוזיאל, לכאורה דארף מען פארשטיין אז מ'זעהט דאך שפעטער אין די פרשה אז די טענות פון קרח איז געווען קעגן אהרן הכהן, אזוי ווי ס'שטייט "ובקשתם גם כהונה", און שפעטער "ואהרן מה הוא כי תלינו עליו".

**נאר** פשט איז אזוי, די סיבה פארוואס ס'האט זיך אנגעפאנגען די גאנצע מחלוקת איז געווען וועגן קרח האט מקנא געווען די נשיאות, נאר נאכדעם האט זיך די מחלוקת אויסגעשפרייט און ער האט אנגעהויבן אויך צו טענה'ען קעגן די כהונה, ווייל מחלוקת איז פונקט ווי א פייער, ס'הייבט זיך אן מיט א קליין קויל און א קליין טענה, און שפעטער פארשפרייט זיך עס שוין זייער ווייט.

**די** משנה אין מס' אבות (ה' י"ז) זאגט "איזו הוא מחלוקת שהיא לשם שמים זו מחלוקת הלל ושמאי, ושאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח ועדתו", מ'קען מדקדק זיין אין די ווערטער פון דער תנא פארוואס ביי הלל ושמאי זאגט ער ביידע זייטן פון די מחלוקת, אבער ביי מחלוקת קרח ועדתו זאגט ער נישט די צווייטע צד פון משה רבינו.

**נאר** איך האב געהערט א הפלא'דיגע ביאור בשם דער גאון רבי אהרן וואלקין זצ"ל, אז טאקע פון די זייט פון קרח אן זיין 'עדתו' וואלט נישט אויסגעבראכן קיין מחלוקת, ווייל ווען קרח קומט ווען צו משה רבינו זיך אויסגראדן מיט זיינע טענות וואלט די מחלוקת בטל געווארן, נאר די פראבלעם איז געווען ווען די מענטשן פון קרח האבן געזעהן אז ס'הייבט זיך אן עפעס א דין ודברים צווישן קרח און משה, האבן זיי זיכער געמאכט אויפצובלאזן די מחלוקת און אפגעהאלטן קרח פון רעדן מיט משה, ביז קרח איז אליינ'ס אריינגעשלעפט געווארן אין די אש המחלוקת, און אנגעהויבן מבזה צו זיין משה און ליצנות מאכן פון אים, פארדעם רופט דער תנא אן די נאמען פון די בעלי המחלוקת 'קרח ועדתו', ווייל אן זיי וואלט קיין מחלוקת נישט

›

געווען, אבער ביי די מחלוקת פון הלל ושמאי איז עס געווען נאר צווישן זיי ביידע און זייערע תלמידים, און זיי האבן אראפגעלייגט זייערע דיעות איינער פארן צווייטן, און זיי האבן זיך געזעצט צוזאמען דן זיין די פארשידענע ראיות לכאן ולכאן, און ס'איז נישט געווען קיין מענטשן וואס האבן געזוכט אויפצופלאקערן די מחלוקת, און אפהאלטן די שלום צווישן זיי, און וועגן דעם רופט עס דער תנא 'מחלוקת הלל ושמאי', ווייל ס'איז נאר געווען צווישן זיי ביידע.

**און** בעוה"ר איז היינט צוטאגס דא ביים היימישן אידנטום אסאך מחלוקת וואס קומט צוליב פארשידענע חילוקי דעות צווישן רבנים וואס מיינען עס אמת'דיג לשם שמים, אבער די אויפגעפלאקערטע מחלוקת קומט נאר צוליב קליין-קעפיגע מענטשן ביים ציבור וואס פלאקערן אויף די פייער, וואס ווען נישט די מענטשן וואלט עס געווען ווי די מחלוקת צווישן הלל און שמאי וואס האבן אפגעגעבן כבוד איינער פארן צווייטן.

**"ופצתה האדמה את פיה" (ט"ז ל')**

**מ'דארף** צו פארשטיין כדי צו זעהן אז משה איז גערעכט וואלט גענוג געווען אז זיי שטארבן, פארוואס האט אויסגעפעלט פאר משה רבינו צו פאדערן אז זיי זאלן שטארבן מיט אזא מיתה משונה למעלה מדרך הטבע.

**נאר** אין ירושלמי (סנהדרין פרק חלק ה"א) ווערט געברענגט אז קרח האט געלייקנט אין די תורה און געזאגט אז 'די תורה איז נישט פון הימל', די הסבר אין די ווערטער איז אז אין דעם אליין וואס קרח האט מפקפק געווען אין משה רבינו און געהאלטן אז משה איז א שקרן, ליגט דערין א הכרזה אז די תורה איז נישט פון הימל, וויבאלד די גאנצע תורה האבן אונז באקומען פון משה וואס האט עס געהערט מפי הגבורה, און טאמער איז משה א שקרן קומט אויס אז ס'איז א פאלשע תורה חלילה.

**אויב** אזוי איז זייער פארשטענדליך פארוואס משה רבינו האט געוואלט די טבע אליינ'ס זאל זיך טוישן נקמה צו נעמען אין קרח, ווייל וויבאלד די מלחמה איז דאך געווען קעגן די גאנצע תורה איז די טבע געווען משועבד אויפצווייזן די גערעכטיגקייט פון משה'ס ווערטער און די אמת'דיגקייט פון די תורה, און דאס האט משה געבעטן פון באשעפער אז ער זאל אויפווייזן אז זיין נבואה איז די תורה אליינ'ס, מיט דעם וואס ער וועט משנה זיין די טבע איינצוהאלטן זיין נבואה, וועט יעדער שוין מודה זיין אז זיין נבואה איז די גוף התורה און די טבע איז געבינדן אונטער אים.

**כ"ק** האדמו"ר מהר"י מ'בעלזא זצ"ל האט מסביר געווען די סיבה פארוואס משה האט געוואלט זיי זאלן באקומען דווקא די עונש, וויבאלד ער האט געוואלט אז זיי זאלן נאך קענען תשובה טוהן און מתקן זיין זייערע עבירות, פארדעם האט ער געוואלט אז זיי זאלן אראפגיין 'חיים שאולה' כדי אין די בור זאלן זיי נאך קענען תשובה טוהן, ווייל א מענטש קען תשובה טוהן נאר ווילאנג זיין נשמה געפונט זיך נאך אין אים, און הרה"ק מ'בעלזא זצ"ל האט אנגעפאנגען צו וויינען און געזאגט "אונז פארמאגן נאך א געלעגנהייט צו תשובה טוהן וויבאלד אונז לעבן נאך, און אונז דארפן אויסנוצן די געלעגנהייט פארן טויט וואס דעמאלט'ס וועלן אונז שוין נישט קענען מתקן זיין די חטאים".

**און** לויט ווי אונז האבן געהערט האבן אלע ארומיגע דאן אויסגעפלאצט אין יאמערליכן געוויין ווען זיי האבן געהערט דעם רבי'נס ווערטער, וואס טראץ זיין געוואלדיגע קדושה און פרישות און זיינע הויכע מדריגות וויינט ער אז ער קען פארפאסן די געלעגנהייט תשובה צו טוהן נאך זיין פטירה, אויב אזוי 'מה נענה אבתריה', און אונז דארף מיר זיכער זעהן אויסצונוצן און נישט ח"ו פארפאסן די געלעגנהייט צו תשובה טוהן פאר ס'וועט זיין צו שפעט.

## פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה

### פארגוטיגונגס געלט פאר א כולל יונגערמאן

**א** געוויסער יונגערמאן וואס מ'האט אים אפגעזאגט פון א כולל, איז געקומען צו יענעם ראש הכולל פאדערן פארגוטיגונגס געלטער, און ער האט מיטגעברענגט מיט זיך א פסק הלכה פון א געוויסער רב וואס נעמט אן ווי דער סבא קדישא מהרש"א אליפאנדרי זצ"ל אז א כולל יונגערמאן האט די זעלבע דין ווי א 'שכיר', און אויב דער ראש כולל שפעטיגט מיט די געהאלט איז ער עובר אויף 'בל תלין', און לויט דעם האט דער רב גע'פסק'ענט אז אויך לענין פארגוטיגונגס געלט איז ער ווי א 'שכיר', און מ'האט אנגעפרעגט ביי מרן שליט"א די שאלה.

**האט** מרן שליט"א געענטפערט מיט א פשטות, אז ס'איז נישט דא קיין שום סיבה מחייב צו זיין דעם ראש כולל מיט פארגוטיגונגס געלט, ווייל בעצם מן התורה איז אינגאנצן נישט דא אזא חיוב ביים אויפזאגן א פועל, נאר ס'איז א מנהג המדינה, און איינער וואס נעמט א פועל איז אזוי ווי ער האט זיך אויסגענומען אז טאמער ער זאגט אים אויף וועט ער אים פארגוטיגן, אויב אזוי איז עס נאר ביי א פועל וואס די מנהג איז אזוי, אבער א כולל יונגערמאן וואס איז נישט דא אזא מנהג צו פארגוטיגן אן אויפגעזאגטער יונגערמאן, האט עס נישט קיין שום זינען מחייב צו זיין דעם ראש הכולל.

### די ישיבות און כוללים היינטיגע צייטן

**איך** געדענק אז ממש פאר ס'האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, האט זיך הגאון הקדוש רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל אופגעהאלטן אין לאנדאן, און ווען ער האט געוואלט זיך אומקערן קיין פוילן צו זיין ישיבה אין שטאט בערנוביץ, האבן די רבנים און עסקנים זיך איינגעבעטן ביי אים אז ער זאל דארט פארבלייבן עד יעבור זעם, און ער זאל נישט אריינגיין אין פוילן וואס איז יעצט א מקום סכנה, וויבאלד היטלער ימ"ש גרייט זיך אצינד אויסצו'הרג'ענען די פוילישע אידנטום, איז בעסער ער זאל זיך אופהאלטן אין ענגלאנד וואס איז אצינדער מער פארזיכערט.

**האט** רבי אלחנן זצ"ל געענטפערט: "א קאפיטאן לאזט נישט אפ זיין שיף בשעת א רוח סערה...", און אויף די טענה אז ס'איז א סכנה ער זאל זיך צוריקקערן צו זיין ישיבה האט ער געענטפערט: "אדעתא דהכי...", א קאפיטאן קען נישט אפלאזן זיין שיף ווען עס בושעט א רוח סערה, נישט קיין חילוק וועלכע פרייז עס וועט אפקאסטן.

**איינדערצווישן** איז געשטאנען דארטן א יוד א בעה"ב און האט זיך אריינגעמישט און זיך אנגערופן: "זיכער איז רבי אלחנן גערעכט אז ס'איז נישט דא וואס מורא צו האבן צוריק צופארן קיין פוילן, ווייל טאמער היטלער ימ"ש וועט ח"ו אויס'הרג'ענען די אידנטום אין פוילן און אין ליטא און אונגארן, גייט די גאנצע אידישקייט און די תורה באנקראפטעט, און די תורה וועט פארגעסן ווערן פון כלל ישראל, אויב אזוי וועט דער באשעפער נישט קענען איינהאלטן זיין הבטחה פון "כי לא תשכח מפי זרעו".

**אבער** רבי אלחנן זצ"ל האט אים אוועקגעמאכט און געזאגט אז עס מוז בכלל נישט זיין אזוי, ווייל דער באשעפער האט אונז טאקע צוגעזאגט "לא תשכח מפי זרעו" אבער ער האט אונז נישט מגלה געווען אויף וועלכע אופן וועט עס נישט פארגעסן ווערן, און אפילו ס'וועט איבערבלייבן נאר א קליין אידישע גרופע, איז דאך די תורה אזוי ווי פייער, אזוי ווי ס'שטייט (ירמיהו כ"ג, כ"ט) "הלוא כה דברי כאש", און אזוי ווי פון א קליין קויל קען מען אויפבלאזן א גרויסן פייער, אזוי אויך פון א קליינע הייפעלע פון אידן קען אויסוואקסן א גאנצע דור פון לומדי תורה.

**און** אזוי האט טאקע פאסירט, ביי די שרעקליכע מלחמה זענען אויסגע'שחט'ען געווארן מיט א געוואלדיגע אכזריות מיליאנען אידישע קינדער, און אלע ישיבות און כוללים און תורה צענטערן פון יענע צייט זענען אויסגעריסן און חרוב געווארן, אזש ס'האט אויסגעזעהן אז דאס איז די ענדע פון כלל ישראל חלילה, אבער ווען מ'קוקט זיך היינט ארום אין די אידישע וועלט, זעהט מען נאר פארקערט אז אין יעדע פלאץ אויף די ערד-קוגל עפנט זיך אויף כוללים און ישיבות, און דאס אלעס איז טאקע צושטאנד געקומען נאר א דאנק די איינצעלנע רבנים וואס זענען פארליבן נאך די מלחמה, און האבן אויפגעשטעלט תורה צענטערן און כוללים און ישיבות, און א דאנק דעם האט זיך געעפנט מערערע כוללים און ישיבות אין פילע מדינות איבער די גארער וועלט אויף א פארנעם וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, און דורך זייער כח איז אויסגעוואקסן א נייע דור וואס פירן זיך על דרך התורה והעבודה, וואס קומט נאר צוליב די קליין פייער'ל וואס איז געבליבן נאכ'ן מלחמה, וואס האט נאכדעם אויפגעלאמט א אש להבה פון צענדליגער בני תורה.

# עובדות און הנהגות פון מרן שליט"א

## מסירות נפש מיט ריינקייט

**א]** הרבני הרה"ח ר' משה בצלאל בודק יו"ר קרן הצלה האט דערציילט אז ער האט געהערט פון הרה"ח ר' ליפא לעפקאוויטש זצ"ל יו"ר קרן הצלה און פון די סאטמאר'ע ראשי קהילה: אין יאר תשנ"ח איז מרן שליט"א ארויסגעפארן קיין אמעריקא פאר קרן הצלה, און ער איז ארומגעלאפן פאר עטליכע וואכן צו פארשידענע כינוסים אויפצוטרייבן סכומים הגונים צו קענען אוועקשטעלן די חינוך הטהור אין ארץ הקודש.

**די** לעצטע נאכט וואס מרן שליט"א האט דארט פארוויילט פארן זיך צוריקקערן צו אר"י, האבן די מנהלי קרן הצלה אים געוואלט מיט עפעס מכיר טובה זיין, און ר' ליפא לעפקאוויטש איז אריינגעקומען צום אכסניה פון מרן שליט"א, און אים אהינגעגעבן א שיינע סומע פאר די כולל פון מרן שליט"א, און האט צוגעלייגט צו דעם א סכום געלט אויסצוצאלן די רייזע קאסטן און די אכסניה און אלעס ארום.

**צומארגנ'ס** צופרי פאר מרן שליט"א האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, איז מרן שליט"א צוגעגאנגען צו ר' ליפא לעפקאוויטש און אים צוריקגעגעבן די גאנצע סומע געלט אן ארויסזאגן א ווארט, און ר' ליפא האט זיך זייער געוואונדערט און ער האט געפרעגט: 'מילא די געלט וואס איך האב אייך געגעבן פאר די נסיעה אויסגאבן מעגט איר מוותר זיין אויף דעם, אבער ס'ליגט דא אויך א שיינע סכום אויסצוהאלטן די כולל, ווי אזוי מעגט איר צוריקגעבן די געלט וואס איז אויסצוהאלטן די יונגעלייט', און מרן שליט"א האט אים געענטפערט קורץ: "הלכה ענינים לאז איבער פאר מיר". און ער האט נישט געוואלט מסביר זיין די טעם הדבר.

האט ר' ליפא נישט נאכגעלאזט און געפרעגט: "תורה היא וללמוד אנו צריכים, פארוואס האט דער רבי עס געטוהן", האט אים מרן שליט"א געענטפערט אז ער וויל מקיים זיין די מצוה מיט א ריינקייט, און נאך וואס ער האט זיך געפלאגט א לענגערע צייט צו קענען אפהיטן די חינוך הטהור אין ארה"ק, וויל ער נישט דערלייגן די 'נקיות המצוה' מיטן באקומען א טובת הנאה פאר זיך, און אלס גזבר מעג ער זיך צוריקהאלטן פון נעמען נתינות וואס מאכט א פגם אין זיינע מצוות מיט א ריינע הארץ און א גענצליכע נקיות.

## צונעמען די פרנסה פון א כולל יונגערמאן

**ב]** הג"ר חיים עוזר שליט"א זוהן פון מרן שליט"א האט דערציילט: 'ס'האט פאסירט ביי די כולל פון מרן שליט"א אז עטליכע יונגעלייט זענען געקומען בעטן פון מרן שליט"א צו פארשיקן א געוויסער יונגערמאן פון כולל וואס לויט זייערע ווערטער געבט ער גארנישט צו צו די כולל, און פארקערט ער מאכט קאליע די גוטע נאמען פון די כולל, אבער מרן שליט"א האט געשוויגן און זיי נישט געענטפערט, נאך עטליכע טעג זענען זיי צוריקגעקומען א צווייטע מאל, דעמאלט'ס האט מרן שליט"א אויסגעפלאצט אין א געוויין און זיי געזאגט: "וואס ווילן ענק האבן פון אים, ענק ווילן צונעמען זיין פרנסה?, זאל'ט עטץ וויסן אז ענק שפילן זיך ארום מיט די לעבן פון א יוד", און ער האט זיי דערציילט וואס ער האט געהערט פון מרן הגאון מ'טשובין זצ"ל אז קאליע מאכן און אוועקנעמען פרנסה פון א איד איז ממש דיני נפשות, ווייל אין דעם איז אנגעהאנגען זיין לעבן און די לעבן פון זיין משפחה.

**און** אין א בריוו פאר א ראש כולל שרייבט מרן שליט"א (תשוה"נ ח"ה שפ"ד) -איבערגעטייטשט אין אידיש- "ס'איז א שיינע זאך אז א מנהל פון כולל וואס וויל אויפזאגן א יונגערמאן וואס האט גארנישט געזינדיגט צו פרעגן די דעה פון א אנגענומענער רב, און ער זאל נישט נעמען אויף זיך די אחריות פון מצער זיין א בן תורה, וואס איז ממש ווי דיני נפשות, און נאר מיט זיין צושטומונג און מיט א כוונה לשם שמים וועט ער מצליח זיין, אבער ער זאל אים נאך לאזן דארט בלייבן פאר א יאר... און זאלסט וויסן אז דאס איז נאר טאמער דער יונגערמאן שטערט נישט די ישיבה אדער די כולל, אבער אויב שטערט ער יא זאל ער אים גלייך פארשיקן, און ער זאל זיך דורכשמועסן מיט רבנים צו ער זאל אים צאלן לפנים משורת הדין".

# א מאמר אין הלכה

## די הלכות פון אמירת תהילים

### "לעבדו בכל לבבכם"

**א]** מיטן זאגן תהילים איז מען מקיים די מצות עשה פון תפילה, אזוי ווי ס'שטייט "ולעבדו בכל לבבכם", אבער דאס איז נאר ווען ער האט אינזינען צו מתפלל זיין, אויב אבער האט ער נישט קיין כוונה איז ער נישט מקיים די מצוה, וויבאלד די מצוה איז תלוי אין כוונת הלב.

**און** וועגן דעם זאל איינער וואס זאגט תהילים מיט כוונה אויך אינזינען האבן מקיים זיין די מצות עשה פון תפילה, און ער זאל צולייגן ביים זאגן די 'יהי רצון' פאר תהילים די ווערטער "ויהא נחשב לפניך כאילו קיימתי מצות עבודה שבלב זו תפילה כראוי".

### די מצוה פון לימוד התורה

**ב]** ביים זאגן תהילים איז גוט אינזינען צו האבן צו מקיים זיין מיט דעם די מצוה פון לימוד התורה, ווייל אויב זאגט ער תהילים נאר לשם בקשה ווערט עס נישט גערעכנט ווי לימוד התורה אזוי ווי די פוסקים זענען מבאר (שו"ע או"ח סי' מ"ז), אבער טאמער האט ער יא אינזין איז ער מקיים דערמיט די גרויסע מצוה, און הגה"ק 'בעל הפרדס' זצ"ל האט שוין מעורר געווען אויף דעם.

**און** מ'קען צולייגן אז אויך אויב פארשטייט ער נישט וואס ער זאגט איז ער מקיים די מצות עשה פון לימוד התורה, אזוי ווי ס'שטייט אין שו"ע הגר"ז אז איינער וואס זאגט תנ"ך און ער פארשטייט נישט וואס ער זאגט איז ער נאך אלץ מקיים די מצות עשה.

**און** וועגן דעם זאל ער אויך צולייגן ביים זאגן די 'יהי רצון' פאר תהילים די ווערטער "ויהא נחשב לפניך אמירת תהילים שאני אומר כעסק התורה בנגעים ואהלות וכמו שהתפלל דוד המלך ע"ה על זה", און אויך זאל ער צולייגן די ווערטער אזוי ווי ביי יעדע מצוה "ותהא חשובה אמירת תהילים לפני הקדוש ברוך הוא כאילו קימתיה בכל פרטיה ודקדוקיה וכוונותיה". (תשוה"נ ח"ג סי' נ"ט)

### זאגן תהילים פאר א רפואה

**ג]** מ'טאר נישט זאגן תהילים פאר א חולה מיט א מחשבה אז די עצם זאגן די הייליגע פסוקים קען אויסהיילן די חולה, ווייל מיט דעם וואס ער מאכט די תהילים פאר א רפואה איז ער מזלזל אין די ווערטער פון די תורה, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (הלכות י"ז פרק י"א הלכה י"ב), און דאס וואס מען פירט זיך צו זאגן תהילים פאר א חולה איז נאר ווען מ'זאגט עס מיט א וועג פון א בקשה פארן באשעפער, און ער פארלאזט זיך אויף די כח התפילה, אזוי ווי ס'שטייט אין ספר החינוך מצוה תקי"ב. (תשוה"נ ח"א קכ"א, ח"ב ס"ז)

### יהי רצון פאר תהילים

**ד]** ביים זאגן די יהי רצון פאר תהילים ביי די ווערטער "ויעמוד לנו זכות פסוקי תהילים וזכות תיבותיהם" וכו', דארף מען מגיה זיין און צולייגן "ויעמוד לנו זכות פסוקי תהילים שאנו מתחננים עם תיבותיהם" כו', ווייל מיט דעם ווייזט ער אז ער איז מתפלל מיט די כח התחינה וואס איז דא אין די פסוקים, און נישט אין זכות פון די עצם פסוקים. (תשוה"נ ח"א קכ"א, ח"ב ס"ז, ח"ג נ"ט)

### קאפיטל קי"ט לויט די שם החולה

**ה]** זאגן די פסוקים פון קאפיטל קי"ט לויט די נאמען פון די חולה זאל מען נאר זאגן ביי א חולה מסוכן, ווייל ווען ער זאגט די פסוקים לויט די שם החולה וויל ער די ישועה זאל אנקומען דורך די כח און סגולה פון די פסוקים אליינ'ס, ווערט ער אנגערופן א 'מתרפא בדברי תורה', און מ'האט עס מתיר געווען נאר ביי א חולה מסוכן. (כמבואר בשו"ע יו"ד קע"ט ס"ח)

**אין** שו"ת צפנת פענח האב איך געזעהן אז ער אסר'ט צו זאגן אזוי די פסוקים פון קי"ט וועגן צוויי טעמים, א. וועגן 'כל פסוקא דלא פסקיה משה אנן לא פסקינן ליה, ב. וועגן מ'טאר נישט מאכן א שם ווי א סימן און א נוטריקון.(תשוה"נ ח"א קכ"א, ח"ב ס"ז)

### אין די ד' אמות פון א קבר

**ו]** איך האב געהערט אז דער חזו"א פלעגט מקפיד זיין נישט צו זאגן תהילים אין די ד' אמות פון א קבר אדער א מת, אבער די מנהג איז צו מיקל זיין אין דעם, מ'קען זאגן אז די טעם איז וויבאלד מ'האט אינזינען מיט דעם צו שאפן א תיקון פארן מת מעג מען. (תשוה"נ ח"א קכ"א)

### פויעלן אן קיין כוונת הלב

**ז]** מרן הגרי"ז מ'בריסק זצ"ל האט מחדש געווען, אז די דריי תפילות וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן איינגעפירט צו דאווענען יעדן טאג האט א כח אפילו אן אינזינען האבן, דורך די עצם ווערטער וואס ליגט אין דעם טיפע רמזים און די גאנצע סדר פון בריאת העולמות, אבער א תפילה וואס א מענטש דאוונט מיט א אייגענע לשון האט נאר א כח ווען ער האט אינזינען וואס ער זאגט, ווייל די ווערטער אליינ'ס האט נישט אין זיך קיין שום סגולה, נאר די כוונה וואס דער מענטש לייגט אריין דערין קען אויפטוהן.

**און** לגבי זאגן תהילים איז א ספק צו ס'איז ווי אנדערע תפילות וואס אן די כוונה איז עס גארנישט ווערד און ס'קען נישט ארבעטן, אדער וויבאלד דוד המלך ע"ה האט עס מתקן געווען מיט רוח הקודש איז עס ווי די תפילות וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען, און די ווערטער אליינ'ס האט א כח אויסצו'פויעלן אלע ישועות, און די סברא זאגט אז זאגן תהילים איז ווי די תפילות פון די אנשי כנסת הגדולה. (תשוה"נ)

# עובדות און הנהגות וואס מרן שליט"א האט געזעהן ביי האדמו"ר מ'צאנז-קלויזענבורג זצ"ל
## לרגל די יארצייט וואס געפאלט די וואך

### די גרויסע כח פון א יחיד

**א]** איך געדענק אז נאך ווען ס'האט זיך געענדיגט די שרעקליכע וועלט מלחמה, און די ביטערע מציאות איז קלאר געווארן אז צענדליגער און מיליאנען אידן זענען גע'שחט'ען און גע'הרג'עט געווארן אויף קידוש השם, און צווישן זיי אויך אסאך גרויסע צדיקים, האט זיך כמעט יעדער מייאש געווען פון צוריק אויפשטעלן די עולם התורה והחסידות, און יעדער האט געהאלטן אז כלל ישראל איז שוין א פארגאנגענהייט ביז משיח'ס טאג, דעמאלט'ס האבן זיך ארויסגעשטעלט עטליכע גדולי הדור, און צווישן זיי אויך האדמו"ר מ'צאנז-קלויזענבורג זצ"ל וואס איז געשטאנען ווי א לייב און געקעמפט צוריק צו אויפבלייען די יהדות החרדית, כאטשיג וואס ער וואלט זיך געקענט ארויסדרייען מיט פארשידענע טענות אז ער איז אריבער די שרעקליכע חורבן אין די מלחמה יארן, פונדעסטוועגן האט ער אנגענומען אויף זיך דעם גרויסן עול צו האבן א גרויסן חלק אין אויפשטעלן פילע מוסדות התורה וואס דאס האט אויפגעלעבט די אלוועלטליכע אידנטום וואס איז דאן געווען א פארגאנגענהייט, און דאס דארף זיין פאר אונז א מוסר השכל וויפל יעדער יחיד קען אויפטוהן און אויפבויען מיט זיינע אייגענע כוחות.

**אויך** געדענק איך אז אין יענע צייטן ווען מ'האט אנגעפאנגען די בוי ארבעט פאר די 'שיכון צאנז' אין שטאט נתניה, האבן די פרייע אידן געלאכט און אפגעשפעט 'די פרומע קענען דען אויפבויען א גאנצע שטעטל און נאך מאכן א שפיטאל דארטן', אבער האדמו"ר מ'צאנז-קלויזענבורג זצ"ל האט נישט געקוקט אויף זייער זייט און ער האט זיך נישט מייאש געווען פון אויפטוהן פאר כבוד שמים, [בשעת'ן בויען האט ער זיך אויסגעדריקט: 'יעצט זאגט מען נאך שיכון צאנז וואס איז נעבן נתניה, ס'וועט נאך אנקומען די טאג וואס מ'וועט אנרופן נתניה וואס איז דערנעבן פון שיכון צאנז...], און דאס איז אונז מחייב אז מ'טאר נישט נתפעל ווערן און זיך שרעקן פון די ארומיגע וואס זיי וועלן זאגן און טראכטן אויף אונז, נאר מ'דארף טוהן פאר כבוד שמים אפילו די מענטשליכע אויגן געבן עס ווייניג טשאנסעס צו מצליח זיין, וויבאלד אונז טוהען לויט וויפל אונזערע כוחות דערהייבן, און דעמאלט'ס העלפט דער באשעפער למעלה מדרך הטבע.

**איך** האב געהערט א מורא'דיגע מעשה אויפן רבי'ן זצ"ל, אז ער האט געבעטן אמאל פון א פארמעגליכער איד זאל אים ארויסהעלפן מיט די מוסדות התורה אין נתניה, האט ער אים געענטפערט 'איך וועל צוהעלפן לויט וויפל איך קען', האט אים דער רבי זצ"ל געזאגט אז אויב אזוי איז ער מחוייב צו העלפן אן קיין גרעניץ און אן קיין שיעור, וויבאלד די כוחות פון א יוד איז זייער שטארק, און אויב וועט ער אנפאנגען צו ארבעטן מיט זיינע כוחות וועט ער געוואר ווערן וואספארא כוחות ער פארמאגט, און דער רבי זצ"ל האט אים דערציילט וואס ער האט ל"ע מיטגעמאכט ביי די שרעקליכע מלחמה, ווי די נאצי'ס ימ"ש האבן אים געצווינגען צו ארבעטן מיט שווערליכע ארבעט אין די ארבעט'ס לאגער'ן, און ער האט גענדארפט שלעפן אויף זיינע פלייצעס שווערע פעקלעך יעדן איינציגן טאג, האט דער רבי אים געזאגט אז באמת וואונדערט ער זיך זייער ווי אזוי ער האט געקענט דורכטראגן די שווערע ארבעט, ווייל בטבע האט ער זייער א שוואכע גוף, און פאר די מלחמה האט ער קיין קליין פעקל נישט געקענט שלעפן, און דארט האט ער יעדן טאג געשלעפט גאר שווערע פעקלעך, נאר ס'מוז זיין אז ווען א מענטש איז אין א שעת הדחק און ער האט נישט קיין צוויי ברירות ווערט ביי אים אויפגעדעקט גאר שטארקע כוחות וואס ס'איז אים אין לעבן נישט איינגעפאלן אז ער פארמאגט דאס.

### זאגן 'ברוך ה' לעולם' אין ארץ ישראל

**ב]** איך געדענק אז ביי די באזוך פון האדמו"ר מ'צאנז-קלויזענבורג זצ"ל אין ארץ ישראל אין יאר תשט"ז אין די טאג פון כ"א אדר לרגל די הנחת אבן הפינה פאר די קרית צאנז, האט ער געזאגט ביי מעריב די ברכה פון ברוך ה' לעולם, און ער האט געגעבן צו פארשטיין אז די ברכה האט מען מתקן געווען אויך צו זאגן אין אר"י, און דער הייליגער בעש"ט און זיינע תלמידים האבן געהאלטן פאר זייער וויכטיג צו זאגן די ברכה, נאר מ'האט עס געסטאפט צו זאגן דא וויבאלד ס'איז געווען דא פילע תלמידים פונעם גר"א זצ"ל און אויך פיל ספרדי'שע אידן, אבער די חסידים דארפן עס ווייטער זאגן, אבער שפעטער ווען ער האט געהערט אז הרה"ק מהר"א מ'בעלזא זצ"ל האלט אז מ'זאל עס נישט זאגן, האט ער צוריק געצויגן און געזאגט אז ער איז מבטל זיין דעת פאר בעלז'ער רב זצ"ל.

### שיטת רבינו תם

**ג]** ס'איז באוואוסט זיין שיטה בנוגע די שיטה פונעם רבינו תם ווען עס ווערט נאכט, און ער האט מיר אמאל געזאגט אז פאר הונדערט און פופציג יאר צוריק האט מען אפילו נישט געוואוסט אז ס'איז דא נאך א שיטה להלכה אויסער שיטת רבינו תם, און ער האט מיר דערציילט אז ווען זיין טאטע איז געווען באזוכן ביים 'כתב סופר' האט ער אים געזעהן דאווענען מנחה זייער שפעט

### שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן ביי מרן פוסק הדור שליט"א

**איינער** האט אנגעפרעגט ביי מרן שליט"א אז ער האט אנגעפאנגען ביי שמו"ע פון תפילת מנחה די פסוק ה' שפתי תפתח, און ער האט זיך בארעכנט אז ער וויל נישט דאווענען יעצט, צו ער מעג זיך אפשטעלן דא, אדער נאכן זאגן די פסוק הייסט עס ווי ער האט שוין אנגעפאנגען שמו"ע און ער טאר נישט מפסיק זיין מער.

**האט** מרן שליט"א געענטפערט אז ער טאר נישט מפסיק זיין נאכן זאגן ה' שפתי תפתח, ווייל די פסוק איז א חלק פון שמו"ע, וועגן דעם אויב ער האט געזאגט די פסוק מיטן מחשבה צו דאווענען שמו"ע איז עס ווי ער האלט שוין אינמיטן שמו"ע. [און ער קען נישט טראכטן למפרע אז ער האט געזאגט די פסוק נאר לשם פסוק און נישט אנצופאנגען שמו"ע].

**און** מרן שליט"א האט צוגעלייגט אז אויך אין א פאל ווען ער וואלט נישט געטארט אנפאנגען שמו"ע, ווי אז ער איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד אינמיטן שמו"ע, וואס די הלכה איז אז ער מעג אנפאנגען נאר אויב ער וועט ענדיגן פאר דער בעל תפילה וועט אנקומען צו קדושה און ביי מעריב צו איש"ר, אבער טאמער האט ער שוין אנגעפאנגען מיט די פסוק טאר ער מער נישט מפסיק זיין.

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717